# לזכר סיני לייכטער

ווען איך האב זיך צוגעגרייט זאגן א פאר ווערטער לזכר מיין גוטן חבר סיני לייכטער, האב איך ניט געוואוסט, וואס גענוי איך זאל זאגן. איך האב אים בלויז געקענט במשך פון די לעצטע 10 יאר, אן ערך, און די עיקר שמועסן האבן מיר דווקא געהאט טעלעפאניש. מיר האבן א סך גערעדט וועגן יידישע לידער און וועגן דער מייסטער-שאפונג מיט וועלכער ער האט די לעצטע יארן זיך אפגעגעבן – די אנטאלאגיע פון יידישן פאלקסליד.

די וואך, האב איך געהאלטן א לעקציע אין דער יידישער קולטור געזעלשאפט פון ירושלים – ניט ווייט פון דאנען אויף רחוב שלום עליכם. די לעקציע איז געווען וועגן דעם פאעט אברהם רייזען – איז מיר טאקע איינגעפאלן, אז סיני האט געהאט א סך פון די כאראקטעריסטישע שטריכן פון אט דעם שרייבער און דיכטער, וואס אין זיינע ווערק, זיינען דא אפקלאנגען פון סיניס געדאנקען גאנג.

רייזען האט געשריבן לידער און מעשיות, אבער ער איז דער עיקר געווען א לערער, א דערציער. אזוי אויך סיני. מע פלעג זאגן אויף רייזענען, אז ער האט אלעמען ליב געהאט. דער גרויסער שרייבער שלום אַש האָט אים אָנגערופן דעם דיכטער פון "אהבת בחינם". אזוי, מיין איך, האט סיני זיך אויך געפירט, און דער עיקר מיט זיין ליבשאפט ניט נאר צו זיין משפחה, נאר צו כלל ישראל, און צו מדינת ישראל – און אויך צו יידיש לשון און צום יידישן ליד.

רייזען האט אנגעשריבן זייער אן אינטערעסאנט ליד, מיט 112 יאר צוריק, אין יאר 1893, אין זײַן היימשטאָט קוידענאָוו, ווען ער איז בלויז 18 יאָר אַלט געווען.

איך וויל דאס פאר אייך לייענען, און פארענדיקן מיט נאך עטלעכע ווערטער.

## א פראגע – פון אברהם רייזען

רײמען, וואָס איך האָב געקליבן,
לידער, וואָס איך האָב געשריבן,
פערזן, וואָס איך האָב געזונגען,
טענער, וואָס איר האָט געקלונגען,
זאָגט מיר, וואָס ווערט פון אײַך זײַן
ווען איך וועל שוין דאָ נישט זײַן?

וועט זיך איינער ווען געפינען,
מיט אַ האַרץ און מיט אַ זינען,
און אײַך, ליבע מײַנע גראַמען,
וועט מיט צאַרטער האַנט צוזאַמען
קלויבן, פלעכטן אײַך אין קראַנץ,
בלײַבן זאָלט איר אייביק גאַנץ?

אָדער איר וועט גיין פאַרלאָרן
ווי גאָר קיינמאָל נישט געבאָרן,
ווי פון יוגנט די חלומות,
ווי אין שול די אַלטע שֵמות,
ווי אַ וואָלקן אין דער הויך,
ווי אַ ווינט און ווי אַ רויך? ...

**(קוידענאָוו 1893)**

אין דעם ליד "אַ פראַגע", זאָרגט זיך אברהם רייזען פאַרן מאָרגן פון יִידישע שאַפונגען. מיט אן ערך 100 יאר שפעטער, איז דער ענטפער געקומען דורך סיני לייכטער, און זיין מסירת נפש איבערן אנזאמלען און ארויסגעבן די 7 בענד פון דער אנטאלאגיע פון יידישן פאלקסליד.

עס ענדיקט זיך אבער ניט מיט בלויז 7 בענד. עס זיינען נאך פאראן צענדליקער דיכטערס מיט הונדערטער לידער און פאלקסלידער וואס דארפן נאך ווערן אנגעזאמלט, און פובליקירט.

איך רוף אייך, זיין משפחה, זיינע פריינט, און די פריינט פון דעם אוניווערסיטעט, אז אין זיין זכות, זאל די ארבעט אנגיין, אז זיין מי זאל זיין ווי דער וועגווייזער אויף ווייטער, די יידישע אוצרות זאלן ניט נאר **ניט פארלירן גיין**, נאר טאקע ווערן פארשפרייט אין וואס מער יידישע היימען, - אין וואס מער יידישע הערצער.

איך וואלט אפילו פארגעלייגט, אז די קומענדיקע זאמלונג זאל טאקע זיין א בוך וועגן אברהם רייזען און זיין שאפונג.

איך בין זיכער אז סיני וואלט מסכים געווען.

**כּבוד זיין אנדענק!**